**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 07/21/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול שליסט זיך צו מיט מאיאריטעט פירער שומער, סענעטאר גיליברענד, הויפט עדווייזער לאנדריאו, סטעיט און לאקאלע באאמטע צו אפיציעל אנהויבן די טראנספארמאטיווע I-81 ווייעדאקט (VIADUCT) פראיעקט אין סירעקיוז**

***עפענונג ווערט דורכגעפירט פאר $2.25 ביליאן פראיעקט וואס וועט בויען די קאמיוניטי גריד צו פארבעסערן מיביליטי און צוריק באהעפטן דאונטאון געגנטער***

***$296.4 מיליאן איז שוין געגעבן געווארן אונטער קאנטראקט 1; ערשטע ארבעט רעכנט אריין ווידער אויפבוי פון I-81/I-481 צפון אינטערטשעינדזש***

***$384.5 מיליאן קאנטראקט 2 איז געגעבן געווארן די וואך צו אנהויבן דאס איבערטויש פון די דרום אינטערטשעינדזש פון I-81/I-481***

***אנהויב פון ארבעט קומט נאך צען יאר פון פלאנען און ארבעטן מיט די קאמיוניטי דורך די דעפארטמענט פון טראנספארטאציע***

***נייע פראיעקט לאגא איז אוועילעבל [דא]()***

גאווערנער קעטי האקול האט זיך היינט צוגעשלאסן מיט פעדעראלע, סטעיט, און לאקאלע באאמטע צו אפיציעל אנהויבן ארבעטן אויף די טראנספארמאטיווע אינטערסטעיט 81 ווייעדאקט פראיעקט אין סירעקיוז, וועלכע הויבט פארמאל אן איינע פון די גרעסטע און שטערקסטע בוי-ארבעט פראיעקטן אמאל אונטערגענומען דורך ניו יארק סטעיט, אינאיינעם מיט די פעדעראלע רעגירונג. אונטער די אויפזיכט פון די סטעיט דעפארטמענט פון טראנספארטאציע, וועט די $2.25 ביליאן פראיעקט שאפן א קאמיוניטי גריד צו באהעפטן דאונטאון געגנטער אפגעשניטן דורך די I-81 ווייעדאקט'ס בוי-ארבעט און פאררעכטן אן אנגייענדע אומ'יושר'קייט וואס האט שטארק אפעקטירט איינוואוינער פון קאליר אינעם סיטי פון סירעקיוז פאר צענדליגע יארן. די היסטארישע פראיעקט, וועלכע איז די רעזולטאט פון מער פון צען יאר פון פלאנען און ארבעטן מיט די קאמיוניטי, וועט אויך שאפן א נייע ביזנעס לאופ 81, וועלכע וועט דורכגיין די סיטי צו בעסער איינטיילן טרעפיק אויפ'ן וועג, און מאכן אנדערע פארבעסערונגען וואס וועט פארבעסערן באוועגונג און זיכערהייט, שאפן נייע פארוויילונג אקטיוויטעטן און שטיצן עקאנאמישע וואוקס פאר גאנץ צענטראל ניו יארק.

"ניו יארק איז די איינציגסטע סטעיט וואס האט זיך אויפגעשטעלט און זיך אנגענומען פאר די וויכטיגע נויט פון צוריק באהעפטן קאמיוניטיס מיט א היסטארישע פינף אנגייענדע מעגא פראיעקטן וועלכע וועלן פאררעכטן די פראבלעמען פון אמאל," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "אלץ א צענטראלע טייל פון אונזערע פרואוון, וועט די אינטערסטעיט 81 ווייעדאקט פראיעקט דינען אלץ א נאציאנאלעביישפיל פון וויאזוי דורכגעטראכטע אינפראסטרוקטור קען צוזאמברענגען מענטשן, שטארקן וואוקס, און פארמערן

פארשפרייטונג פאר אלע קאמיוניטיס. מיט אנהויבן די ארבעט, הויבן מיר אן צוריק צו צאמברענגען די געגנטער וועלכע זענען אפגעשניטן געווארן צענדליגע יארן צוריק - צו ערהוילן די וואונדן וועלכע גייען שוין אן פאר צו לאנג און מאכן מער באקוועמע, ביליגערע, און שטארקע קאמיוניטיס."

**סענעטאר טשאק שומער האט געזאגט,** "סירעקיוז, טוט אן אייער הארטע הוטן און נעמט ארויס אייער שאוועלס, די טראנספארמאציע פון I-81 הויבט זיך אן היינט! אונזער אינפראסטרוקטור זאל באהעפטן, נישט צוטיילן אונזערע קאמיוניטיס און די טראנספארמאציע פון I-81 וועט אראפלייגן דאס גרונד פאר א לעכטיגערע, גלייכערע צוקונפט פאר גאנץ סירעקיוז. ווען איך האב אנגעפירט די בייפארטיזען אינפראסטרוקטור אינוועסטירונג און ארבעט געזעץ צו ווערן דורכגעפירט, האב איך דאס געטון מיט פראיעקטן אזויווי סירעקיוז'ס I-81 טראנספארמאציע אלץ מיין וועגווייזער. יעצט, מיט די שאוועלס אפיציעל אין די ערד קען די פעדעראלע פינאנצירונג אנהויבן קומען, שאפנדיג טויזנטער גוט-באצאלטע פארבאנד בוי-ארבעט ארבעט געלעגנהייטן, אויפגענומען פון דא אין די קאמיוניטי, צו באהעפטן סירעקיוז און ברענגען נאך געלעגנהייטן פאר איינוואוינער אין די סיטי. איך דאנק גאווערנער האקול און מעיאר וואלש פאר זייער מיטארבעט און פירערשאפט אויף די וויכטיגע באמיאונג."

**סענעטאר קירסטען גיליברענד האט געזאגט,** "נאך יארן פון ארבעטן אן אויפהער, בין איך זייער איבערראשט צו ענדליך זען די עפענונג פון די I-81 פראיעקט. דאס וועט איבערארבעטן די סיטי פון סירעקיוז און אין אלגעמיין די גאנצע ראיאן. איך בין שטאלץ צו האבן געארבעט שווער צו פארזיכערן די לאנג-יעריגע פריאריטן וואס איך האב אין די בייפארטיזען אינפראסטרוקטור געזעץ צו צושטעלן די ריסארסן נויטיג צו העלפן אויפלעבן און באהעפטן סירעקיוז, און איך וועל ווייטער ארבעטן צו דורכפירן די פראיעקט."

**הויפט עדווייזער צו פרעזידענטביידען און ווייסע הויז אינפראסטרוקטור קאארדינעיטער מיטש לאנדריאו האט געזאגט,** "I-81'ס בוי-ארבעט האט געשאפט אן אומ'יושר'קייט און לאנג-שטייענדע שטרויכלונג צו העלטקעיר, עקאנאמישע און עדיוקעישענאל געלעגנהייטן פאר פאמיליעס אין סירעקיוז. יעצט, א דאנק די פינאנצירונג פון פרעזידענט ביידען'ס 'אינוועסטירן אין אמעריקא' פלאן, פאררעכטן מיר די פראבלעמען פון די פארגאנגענהייט, און פארבעסערן זיכערהייט, לעבן אויף ערטער פאר עקאנאמישע דעוועלאפמענט, און מאכן גוט-באצאלטע פארבאנד ארבעט געלעגנהייטן וואס קען אויסהאלטן א פאמיליע. ווען מיר ארבעטן אינאיינעם מיט גאווערנער האקול און פעדעראלע, סטעיט און לאקאלע פירערס צו אויפבויען אונזער אונפראסטרוקטור נאך בעסער ווי אמאל, פארזיכערן מיר א זיכערע, גלייכערע צוקונפט פאר קאמיוניטיס איבער ניו יארק."

דער פארגעשריטענע I-81 פראיעקט איז טייל פון גאווערנער האקול'ס פרעצעדענטלאזע אנטשלאסנקייט צו מאדערניזירן ניו יארק סטעיט'ס אינפראסטרוקטור און אינוועסטירן אין פראיעקטן וואס שטיצט יושר'דיגקייט, באהאפטנקייט און מולטי-מאדאלישע טראנספארטאציע מעגליכקייטן פאר קאמיוניטיס איבער'ן סטעיט אינאיינעם מיט די פעדעראלע רעגירונג. די $32.8 ביליאן סטעיט קאפיטאל פלאן אנגענומען אין 2022 העלפט ערפולן די גאווערנער'ס בליק פאר א מאדערנע טראנספארטאציע סיסטעם וואס סערווירט ניו יארקער איבער'ן סטעיט, און די I-81 וויעדאקט פראיעקט וועט ווערן פינאנצירט מיט א געמיש פון פעדעראלע און סטעיט ריסארסן. זייט די אנהויב פון איר צייט אינעם אפיס, האט גאווערנער האקול געמאכט באהעפטן קאמיוניטיס דורך אינפראטרוקטור א הויפט פונקט פון איר אדמיניסטראציע, מיט מער פון $3 ביליאן אוועקגעלייגט אין די דעפארטמענט פון טראנספארטאציע'ס קאפיטאל פלאן צו איבערארבעטן אזעלכע געגנטער אין מזרח באפעלאו, ראטשעסטער, סירעקיוז, אלבאני און די דרום בראנקס.

דורך די בוי-ארבעט פון די קאמיוניטי גריד, צילט די פראיעקט צו איבערקערן די נעגאטיווע באשלוס געמאכט אין די 1950'גער יארן צו בויען די ווייעדאקט דורך די הארץ פון סירעקיוז. די קאמיוניטי גריד

וועט באהעפטן געגנטער, פארבעסערן באוועגונג און פארבעסערן צוטריט צו און פון די אינטערסטעיט הייוועי נעטווארק און הויפט דעסטינאציעס, אריינגערעכנט די דאונטאון ביזנעס דיסטריקטן, ארטיגע שפיטעלער און סירעקיוז אוניווערסיטעט. עס וועט אויך צושטעלן זיכערע און ADA-צוגענגליכער פיסגייער און ביציקל באקוועמליכקייטן לענגאויס דעם פראיעקט שטח.

די קאמיוניטי גריד אויסשטעל וועט באהעפטן געגנטער וועלכע זענען צוטיילט געווארן זייט די ווייעדאקט'ס אויפבוי. די פראיעקט וועט אויך איבערמאכן א טייל פון אינטערסטעיט 481, וועלכע וועט פונדאסניי ווידער-באשטימט ווערן אלס I-81, און בויען דעם נייעם Business Loop 81 לענגאויס Almond Streetאויף צו פארבעסערן די באהעפטונגען צו דאונטאון און אנדערע ביזנעס דיסטריקטס.

דער פראיעקט וועט אויך אנטהאלטן פארבעסערונגען צום סוער און שטורעם-וואסער פארוואלטונג סיסטעם וואס וועט רעדוצירן אפלויף און העלפן פארמיידן איבערפלוסן דורכאויס שווערע רעגנס וועלכע דראען די וואסער קוואליטעט פון אנאנדאגא קריעק און אנאנדאגא לעיק.

נאך טיילן פון די פראיעקט רעכענען אריין:

- איבערבויען אלמאנד סטריט כמעט 13 מייל פון נייע אדער איבערגעבויטע סיידוואָקס, צוויי מייל פון נייע אדער איבערגעבויטע געמיינזאמע-באנוץ וועגן פאר ביציקלען און פיסגייער, און 1-מייל רעדל טרעק, און כמעט צוויי מייל פון נייע אדער איבערגעבויטע מיטגעטיילטע אויטא און ביציקל ליניעס.
- א נייע פולשטענדיגער אינטערטשעינדזש ביי I-690 ביי Crouse און Irving Avenues צוצושטעלן מער דירעקטע באהעפטונגען צו שפיטעלער, ארבעט צענטערס, און עדיוקעישענאל פאסיליטעטן אויף University Hill.
- א פריש-אויסגעלייגטער I-690 West Street אינטערטשעינדזש.
- א נייע צפון-ריכטונג אראפ-רעמפ פון Business Loop 81 to Colvin Street.
- Bear Street פארבעסערונגען.
- א נייע דריטע ליניע אויף I-481 צפון-ריכטונג צווישן I-690 און די NYS טרו-וועי (אינטערסטעיט 90) און אן פארבעסערטע Exit 3

מען האלט יעצט אינמיטן גרויסע בוי-ארבעט אויף די ערשטע פון די מערערע קאנטראקטן פלאנירט פאר די פראיעקט. ארבעט אויף קאנטראקט 1 באשטייט פון איבערבויען די יעצטיגע אינטערסטעיט I-81/481 צפון-ריכטונג אינטערטשעינדזש צו די איבערגעמאכטע I-81 און Business Loop 81, און אינעם זעלבן צייט איבערטוישן טיילן פון I-481 צו די נייע I-81 און מאכן עטליכע גאסן און בריק פארבעסערונגען לענגאויס די קארידאר.

קאנטראקט 2, וועלכע איז געגעבן געווארן די וואך, וועט אנהויבן דאס איבערטויש פון די דרום אינטערטשעינדזש פון I-81/I-481. צוזאמען זענען די צוויי קאנטראקטן קריטיש אויף צו אנהאלטן א הויכע-שנעלקייט אינטערסטעיט פארבינדונג מיט נאציאנאלע און אינטערנאציאנאלע צפון-דרום האנדל רוטס פון טענעסי צו די קאנאדישע גרעניץ.

די ערשטע פאזע פון די I-81 ווייעדאקט פראיעקט וועט עפענען וועגן צו די קאמיוניטי גריד וועט לינדערן עקזיסטירנדע טראפיק געדראנג פראבלעמען אין דער שטאט און פארבעסערן צוגענגליכקייט צו און פון דעם אינטערסטעיט הייוועי נעטוואָרק און הויפט דעסטינאציעס, אזוווי די דאונטאון ביזנעס דיסטריקטן, ארטיגע שפיטעלער און סירעקיוז אוניווערסיטעט. עס וועט אויך באזארגן א זיכערער און ADA-צוגענגליכער פוסגייער און ביציקל באקוועמליכקייטן לענגאויס דעם פראיעקט שטח.

אינעם צייט וואס בוי-ארבעט גייט ווייטער אן, וועט NYSDOT ווייטער נוצן די קאמיוניטי און אינוועסטירער אינפארמירט איבער די אנטוויקלונגען אין די באלדיגע עפענונג פון די קאמיוניטי אטריטש צענטערן אויף די צפון און דרום זייטן פון די סיטי פון סירעקיוז. עטליכע פון די זאכן וואס באזוכער קענען געניסן פון ווען באזוכנדיג די אוטריטש צענטערן זענען פערזענליכע געשפרעכן מיט אן I-81 ווייאדאקט פראיעקט פארשטייער, איבערקוקן מאלערייען פארבינדן מיט די פראיעקט, און אינפארמאציע אויף וויאזוי צו ארבעטן אויף די פראיעקט אלץ א בוי-ארבעט ארבעטער אדער אלץ אן ארעמע ביזנעס ענטערפרייז.

איינוואוינער וועלן באלד אויך קענען באקומען אפדעיטס און רעדן מיט די I-81 שטאב אויף אן I-81 סאושעל מידיע פלאטפארם וואס וועט זיך באלד עפענען אויף Twitter, Facebook און Instagram. די I-81 ווייעדאקט פראיעקט וועבזייטל וועט ווייטער צושטעלן פאר'ן פובליק די אינפארמאציע אויף בוי-ארבעט, רייזע עדווייזעריס, קאמיוניטי אוטריטש, און נאך. נאכפאלגער וועלן קענען זענען צייטליכע מעלדונגען אויף פארמאכטע גאסן און אנדערע וועגן, אינטערעסאנטע אינטערוויוס, און אייגנארטיגע ווידעאס און בילדער.

א קלארע[נייע לאגא](#)איז אויך געמאכט געווארן צו שילדערן די הויפט פרינציפן און הינזיכטן פון די פראיעקט און די קאמיוניטי גריד - באקוועמליכקייט, באהעפטנקייט, Business Loop 81 און הויכע-שנעלקייט טרעפיק אויף אינטערסטעיט 81 - אינאיינעם מיט די געביידעס פון די סיטי פון סירעקיוז. די נייע לאגא וועט גענוצט ווערן אין אלע קאמיוניקאציעס און קאמיוניטי פראיעקטן פון יעצט און ווייטער.

אינאיינעם מיט די קאמיוניטי מיטארבעטער, ארבעט די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון טראנספארטאציע צוזאמען מיט ארבעט גרופעס, אריינרעכענענדיג Pathways to Apprenticeship, WorkSmartNY Syracuse Build, the Urban Jobs Task Force, CNY Works, און די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון לעיבאר'ס Workforce Forward: סירעקיוז, צו אויפנעמען און טרעינירן אלע וועלכע זענען אינטערעסירט צו ארבעטן אויף די פראיעקט. NYSDOT, אינאיינעם מיט די פעדעראלע הייוועי אדמיניסטראציע און די סיטי אוו סירעקיוז, האבן אנטוויקלט איינע פון די ערשטע לאקאלע-אויפנעמונג פלענער בארעכטיגט אונטער די בייפארטיזען אינפראסטרוקטור געזעץ צו ציען מער מענטשן אויפצונעמען לאקאלע איינוואוינער פון זיפ קאודס פון ארעמע קאמיוניטיס אויפ'ן אנגייענדע געהאלט.

**פעדעראלע הייוועי אדמיניסטראטור שעילען בהאט האט געזאגט,** "פרעזידענטביידען'ס 'אינוועסטירן אין אמעריקא' פלאן מאכט היסטארישע אינוועסטירונגען אין אונזער לאנד'ס אינפראסטרוקטור - אין ניו יארק און אין די גאנצע לאנד - צו צוריק באהעפטן קאמיוניטיס, פארבעסערן זיכערהייט, און געבן בעסערע רייזע אויסוואלן וואס קומען ערפילן די געברויכן פון לאקאלע איינוואוינער און זיי פארבינדן מיט געלעגנהייטן פאר נאך צענדליגע יארן. מיר זענען שטאלץ צו אינוועסטירן אין די ערפאלג פון די פראיעקט וואס וועט עפענען טויזנטע נייע בוי-ארבעט געלעגנהייטן און טרייבן טראנספארמאטיווע טוישונגען פאר קאמיוניטיס אין און ארום סירעקיוז."

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון טראנספארטאציע קאמיסיאנערין מארי טערעס טערעסע דאמינגעז האט געזאגט,** "זייט די ערשטע טאג אין אפיס, האט די גאווערנער גענצליך געקוקט אויף ענדיגן די פראיעקטן, און היינט איר בליק געווארן א ווירקליכקייט.איז מאכט זיך גרייט, סירעקיוז, וויל אייער טראנספארטאציע איבערטויש הויבט זיך אן היינט. די פירהאנג פארמאכט זיך אויף אן אלטע אינפראסטרוקטור וואס צוטיילט קאמיוניטיס און די טיר עפענט זיך צו א 21'סטע יאר הונדערט טראנספארטאציע נעטווארק וואס שטיצט פארבעסערטע לעבן אומשטענדן, עקאנאמישע שטארקייט, און פעסטקייט פאר אלע קאמיוניטיס פון צענטראל ניו יארק. די איינמאל-אין-לעבן טראנספארטאציע אינוועסטירונג פראיעקט וועט געבן נאך געלעגנהייטן פאר וואוקס, ארבעט און עקאנאמישע דעוועלאפמענט דורכאויס די גאנצע ראיאן - אינוועסטירן אין מענטשן און אויפהויבן די קאמיוניטי פאר

קומענדיגע דורות. מיר זענען איבערראשט אז די טאג איז ענדליך אנגעקומען און אלע פון אנוז ביי DOT זענען אנטשלאסן צו ערפולן די קאמיוניטי'ס בליק פון די פראיעקט'ס אויסערגעווענליכע פאטענציאל."

**סטעיט סענאטאר ראשעל מעי האט געזאגט,** "די I-81 פראיעקט איז געווען די גרעסטע פראגע פון סירעקיוז'ס צוקונפט פאר מער פון צען יאר, און דערפאר בין איך זייער צופרידן צו זען די עפענונג היינט. דאס איז איינס פון די גרעסטע אינפראסטרוקטור פראיעקטן אין אונזער סטעיט'ס היסטאריע און וועט העלפן פאררעכטן טייל פון די אומ'יושר'קייטן געמאכט געווארן דורך די העכערע גאס וואס האט געשדיגט שווארצע געגנטער און צוטיילט סירעקיוז. מיט די נייע קאמיוניטי גריד, קענען מיר זיך רוקן אין ריכטונג פון סירעקיוז'ס בעסערע צוקונפט אינאיינעם אלץ איין סיטי. אינעם צייט וואס די פראיעקט גייט ווייטער, מוזן מיר ווידער אינוועסטירן אין אונזער קאמיוניטי און פארזיכערן אז אסאך פון די מענטשן וועלכע זענען נעגאטיוו אפעקטירט געווארן דורך די אנוועזנהייט פון די הייוועי זאלן קענען געניסן פון די בענעפיטן פון די פראיעקט'ס הויכע-קוואליטעט ארבעט. א דאנק סענאטאר שומער און סענאטאר גיליבערענד פאר אייער שווערע ארבעט אויף א פעדעראלע שטאפל, גאווערנער האקול פאר אייער פירערשאפט, און מיינע מיטארבעטערס פאר אייער שטיצע אויף א סטעיט שטאפל."

**סטעיט סענאטאר דזשאן וו. מאניאן האט געזאגט,** "די סירעקיוז און צענטראל ניו יארק פארשריט גייט ווייטער מיט די עפענונג און אויפבוי פון I-81 - איינס פון די גרעסטע אינפראסטרוקטור פראיעקטן יעצט אונטערוועגנס אין די פאראייניגטע שטאטן. די גרויסע אונטערנעמונג וועט פאררעכטן היסטארישע אומ'יושר'קייטן, באהעפטן דאונטאון געגנטער, און עפענען נייע ערטער פאר אינוועסטירונג און ווידער-אנטוויקלונג און פארבעסערן זיכערהייט און באוועגונג. איך גלויב אז די פראיעקט וועט דינען אלץ א נאציאנאלע ביישפיל פון וויאזוי דורכגעטראכטע אינפראסטרוקטור קען צוזאמברענגען מענטשן און שטארקן וואוקס."

**אסעמבלימיטגליד פאם האנטער האט געזאגט,** "די עפענונג היינט איז איין טריט נענטער אויפ'ן פראיעקט צו ערזעצן די I-81 ווייעדאקט מיט א קאמיוניטי גריד. די פעדעראלע און סטעיט רעגירונגען זענען אנטשלאסן צו שרייבן די היסטארישע אומ'יושר'קייטן פון אוועקשטעלן אינפראסטרוקטור וואס צוטיילט אונזער קאמיוניטיס און לאזט זיי איבער אין א נישט גוטע פאזיציע. די פראיעקט וועט ברענגען נייע געלעגנהייטן צו אונזערע געגנטער און וועט ברענגען פאראייניגונג וואו עס פלעגט זיין א צוטיילונג."

**אסעמבלימיטגליד אל סטירפע האט געזאגט,** "די I-81 ווייעדאקט עפענונג איז א היסטארישע שפרינג פאר אונזער באליבטע צענטראלע ניו יארק קאמיוניטיס! וויבאלד איך בין א לאנג-יעריגע שטיצער פון די קאמיוניטי גריד פלאן, בין איך זייער צופרידן צו זען די לאנג-ערווארטענע פראיעקט אפיציעל אונטערוועגנס. די אינוועסטירונג וועט נישט בלויז פארבעסערן די אנגייענדע הייוועי אינפראסטרוקטור סיסטעם און שטיצן פיסגייער און גאס זיכערהייט, נאר עס וועט פאזיטיוו אפעקטירן אונזערע לאקאלע געגנטערס' שטארקייט און עקאנאמיע. איך דאנק אונזער פעדעראלע און ראיאנישע מיטארבעטער פאר שטיצן און אינוועסטירן אין די קומענדיגע קאפיטל פון די סיטי פון סירעקיוז און אונזער ארומיגע שטעט."

**סירעקיוז מעיאר בען וואלש האט געזאגט,** "עפענען די נייע אינטערסטעיט 81 פראיעקט איז א געווינס פאר די מענטשן פון סירעקיוז און אלע פון צענטראל ניו יארק. די קאמיוניטי גריד וועט העלפן אדרעסירן די שעדליכע אפעקט פון די 81 ווייעדאקט אויף סיטי איינוואוינער וואס האט אנגעהאלטן פאר מער פון פופציג יאר. עס וועט אויך פארבעסערן טראנספארטאציע און באוועגונג און עפענען ארבעט געלעגנהייטן און געלעגנהייטן פאר מענטשן פון די סיטי פון סירעקיוז און די ראיאן. איך דאנק גאווערנער האקול, מאיאריטעט פירער שומער, סענאטאר גיליבערענד און דיביידען אדמיניסטראציע פאר זייער שטיצע פון די פראיעקט."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418